



Żydowska gazeta illustrowana. — Jüdische Illustrierte Zeitung.

Wychodzi każdego piątku. **Prenumerata wynosi:** Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12.-Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50. kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M. 3.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje:** Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonamentspreis:** jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5. — Rbl 2·50. — M. 6 — Frs 7·50. —vierteljährlich K 2·75. — Rbl 1·50. — M. 3·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration:** Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57.341. **Inseraten-Annahme:** Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. **אבאנאמענטס-פרייז:** יעהרליך 10 קראנען = 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען = 2.50 רובל. פירטעל יעהרליך 2.75 קראנען, = 1.50 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער = 10 קאפ. — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק. האלביעהריג 7.50. פירטעליעהריג 4 פראנק. **רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן:** קראקא גראָדזקאַ 62. — טעלעפאן נו׳ 412 — עסטערר. פאסטשפארק.-קאנטא נו׳ 57,341. **אינזעראטען-אננאהמע:** אנאנסען-ביוראָ „פרינציפיא" קראקא, מארקא-גאססע 21.


# א יודיש מיידעל בעפרייט פון הארעם.



דאָס גערויבטע יודישע מיידעל ווערד צוריקגעפיהרט אַהיים צו איהר פאטער.

# צו דער קומענדער נומער קומט צו די „הבדלה" נו׳ 3

דיעזינע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדיגט זיך מיט דיעזע נומער, בעקומען ביינעלעגט א פּאָסט־שעק, מיט וועלכען זיי זאלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטן צושיקען פון אונזער בלאַט.

•

די פּ. ט. אנגענטען ווערען אויפגעפאָדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווי״ל זאנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

•

אונזער הויפּטפּערטרעטער אין רוסלאַנד איז: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נר׳ 49. פיליאַלע אין לאדז: פּשעיאַזד נר׳ 16.

אין רומעניען: יאזעף באַרטפעלד, פאשקאני.

אין בעלגיען: ס. קאַהאַן, אַנטווערפען.

אין אַמעריקאַ: ש. דרוקערמאַן, ניו־יארק, 50 קאַנאַל־סטריט.

# א אייזענבאהן קאטאסט־ראפע אין דאלמאציען.

אין דאַלמאַציען האט זיך ענטגלייזט דער פּער־זאנענצוג, וועלכער איז געגאנגען אין דער שטרעקע נראַ־פאוא־זעלעניצא דיזע ענטגליזונג איז אין דאַל־מאציען די ערשטע באהן־קאטאסטראפע און האט אין גאנצען לאַנד ארויסגערופען א זעהר גרויסע איבער־ראשונג.

די ווירקונג פון דער קאטאסטראפע איז דעריבער אזא שטארקע, ווייל דיזע שטרעקע פערבינדעט דאלמא־ציען מיט באסניען־הערצאגאווינא און אזוי ווי דער באהן־פערקעהר צווישען די ביידע לענדער איז נאך א שוואכער דערפאר האט די קאטאסטראפע א שטערענדע ווירקונג אויפ׳ן האנדעל און פערקעהר.

די סבה פון דער ענטגלייזונג איז דער שטארקער עטליכע־טאג־דויערנדער רעגען, וואס האט אין יענער געגענד געגאסען. די באהן־ליניע פיהרט גראד אין אזא געגענד, וואו ס׳געפונט זיך פון איין זייט א הויכער פעלזען־בארג און פון דער אנדער־ער זייט א הונדערט קילא־מעטער טיעפער תהום. פונ׳ם רעגען איז דער פעל־זען אויסגעטיליעט געווארען און די אבגעקרישעטע שטיי־נער זענען מאסענווייז אראבגעפאלען אויף די שינעס אין ווען דער צוג איז אנגעקומען האט ער זיך אויך פער־האלטען אין די גרויסע שטיינער און איז ענטגלייזט גע־ווארען.

דער צוג איז געפיהרט געווארען פון צוויי לאקא־מאטיווי׳ס און האט געהאט 17 וואגאנען, פון וועלכע זעקס זענען שטארק בעשעדיגט געווארען. א חוץ דעם גרויסען מאטריעלען שאדען זענען 4 פאסאזשירען און 3 באהנארבייטער לייכט פערלעצט געווארען און איין הייצער איז זעהר שווער פערלעצט געווארען, אזוי אז מען האט איהם געמוזט באלד אפּפיהרען אין שפּיטאל אריין.

דער ענטגלייזטער צוג, פון וועלכען מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער א בילד. איז גליקליכערווייזע נישט געפאלען אין דער זייט פון טיפען תהום, וועלכעס וואלט געוויס פערורזאכט א אונגעהייערע קאטאסטראפע, נור אין דער זייט פונ׳ם פעלזען. וועלכעס בעדייטעט פאר דער קאטאסט־אפע פשוט א גליק.

# א געפעהרליכער שפּיעל.

אין די גרויסע, וועלטבעריהמטע צירקען, אין ג־ויסע מענאַזשעריען קומען נישט זעלטען פאר סצענען וועלכע מאַכען אונז פשוט שוידערן. נישט זעלטען הערען מיר פון קונסטשטיקע, וועלכע זענען שווער גלויבליך.



אייזענבאהן־קאטאסטראפע אין דאלמאציען.

מיר זעהען פאר זיך מענשען וועלכע ליאשטשען זיך געבען ווילדע, נעדייצטע חיות.

מיר זעהען ווי א ווילדער טיגער אדער א לעמ־פערט למשל שפּרינגען און טאנצען אויף בעפעהל און אויף וואונש פון א מענש און מיר קוקען זיך צו און שטוינען. מיר בעוואונדערן אָט די מענשען, וואָס האבען דעם מוטה, וואָס שטעלען זיך איין צו שפּיעלען מיט אזאלכע ווילדע חיות און אינו פאַלט אפילו איינמאל נישט איין צו פ־ענען זיך: איז עס נישט א געפעה־ליך שפּיעל?

אין וויפיעל מאָל הערען מיר פון שרעקליכע אומגליקע וואָס קומען פאָר דורך אזא שפּיעל. פון שוידערהאפטע הריגות דורך ווילדע צערייצטע חיות און נישט איינמאָל לעזען מיר פון ג־ויזאמען טויוט, וועלכען ס׳האט געהאט דער אדער יענער טיערבענדינער, די אדער יענע טיערצוימערין. און וואָס האבען מיר געטהון דאגע־גען? מיר געהען דורך אזאלכע ידיעות גלייך ס׳אינטער־רעסירט אונז גאר נישט. מיר לעזען דאס ביים פריה־שטיק יעדעס מאל און מיר זאגען זיך העכסטענס: אוי, א שאר אזא קינסטלערין...

וואָס האָבען מיר אבער געטהון צו דעם געפעה־ליכען שפּיעל? האָבען מיר עפּעס אנגעווענדעט דאגעגען? ווייסען מיר נישט, אז הונדערטער מענשען פון קליינע און גרעסערע מענאזשעריען, פון קליינע אדער גרעסערע צירקען, שטעלען זיך יעדען טאג איין זייער לעבען און זענען גליקליך אויב זיי קומען ארויס מיט דער הויט. הונדערטער מענשען דארפען בענשען גומל יעדען טאג, ווען זיי געפינען זיך נישט צווישען די צייהן פון א געפעה־ליכער חיה און מיט קלאפּענדיגען האַ־צען, איינ־געשטעלט דאס לעבען, ווערען הונדערטער מענשען אריינגעלאזט אין קליאטקעס צווישען חיות, זיי זאלען זיי רייצען און ווייזען מיט זיי זייערע קונסטשטיקלעך. און טויזענדער מענשען, יא מיליאנען מענשען קומען קוקען אויף דעם געפעהרליכען שפּיעל און געהען אוועק



שרעקליכע שיפס־קאטאסטראפע: דער אונטערגאנג פון שיף „גענעראל כאנזי“.



די ריאלטא־בריק אין נעפאהר · די ריאלטא-בריק אין ווענעדיג.

צופריעדען, וואס זיי האבען זיך צוגעקוקט א שעהן שפעקטאקעל...

אין אלטען רוים איז געווען איינגעריכטעט אזוינענאנטע „גלאדיאטארען־קעמפפע". א יעדער סקלאוו, וואס איז פעראורטיילט געווארען צום טוידט פון זיין בעל הבית, איז געבראכט געווא־ען אין א ארענא (צירק) אין וועלכען ס׳זענען געווען פערזאמעלט טויזענדער מענ־שען מיט׳ן קאיזער אן דער שפיצע. וועלכע האבען זיך צוגעקוקט ווי דער סקלאוו האלט מלחמה מיט א ווילדען צערייצטען שטיער־אקס און וואס בעסער דער ווילדער אקס האט צוב־אכען די ביינער דעם אונשולדיגען מענשען, אלץ גרעסער איז געווען ביים עולם די שמחה. אלץ ווילדער איז געווען דעם עולם׳ס התפעלות...

אך ווי ווייט זענען מיר געריקט פון יענע מענשען אין אלטע צייטען? ווערען מיר נישט אלץ מעהר נתפעל, וואס מעהר די היינטיגע קינסטלער שטעלען זיך איין צו קעמפפען מיט די ווילדע חיות?

יענע וואך איז אין אלעקסאנדר ען (מצרים) געווען ווידער אזא אונגליקספאל, וועלכער דארף ביי יעדען דענקענדען מענש א־ויס־ופען פראטעסט געגען די ווילדע געפעהרליכע שפיעלען מיט חיות. אין א ראַ־טינ „װאריעטע" איז געמליך זיין א לענגערער צייט אויסגע־ט־עטען א שלאנגענבענדינערין, וועלכע פלעגט זיך ארומ־וויקלען מיט ווילדע טערטענדע שלענג און פלעגט אז וי מיט זיי טאנצען. ווען מען וויל ווייזען קונצען מיט שלענג מוז מען זיי אויסברעכען די פערניפטענדע צייהן און מ׳מוז זיי נארקאטיזירען. די בענדינערין פלעגט אבער ווייזען קונצען מיט א וואכענדער שלאנג, וועלכע פלעגט האבען איהרע געפעהרליכע פערניפטענדע צייהן.

זי האט נישט אומזיסט עפעס נישט אכטונג גע־געבען אויף דער שלאנג בשעת איהר טאנץ און האט בעקומען אזא געפעהרליכען ביס. או זי איז אין א שעה ארום געשטארבען. דער עולם איז נאטירליך „אוועקגע־גאנגען אויפגערעגט", אבער אין עטליכע טעג ארום, וועט מען קומען זעהן קונצען פון א נייער בענדינערין, וועלכע וועט פריהער אדער שפעטער אויך האבען דעם סוף פון איהר פא־גענגערין. נו און וואו איז די עפענטליכע מיינונג? אוי, ווי ווייניג זענען מיר אוועקגערוקט פון די אלטע אומות...



א געלטענער טוידט: דער וועבער קארל שיקארא בלייבט הענגען אויף׳ן פארקאן און שטארבט דא־ון.

# די „שענע יודישע פרוי פון פאריז".

אין שלעזיען איז איצט געשטארבען איינער פון דאָרטיגע פ־יצים פירשט הענקעל פאן דאנערסמאַק וועלכער האט אויך געשפיעלט א זעהר ג־ויסע ראליע אין דער עסטרייכישער געשיכטע פון די לעצטע פאר יאה־ען.

צוליעב זיין טוידט דערמאהנען די צייטונגען א אינטערעסאנטע געשיכטע מיט׳ן דאָזיגען פירשטים פ־וי, מיט וועלכער די געזעלשאפט האט אמאל געהאט א סך צו טהון. עס ווייזט זיך ארויס, אז די פרוי פון דעם פירשט איז געווען א יודישע טאכטער פון פוילען, א גע־ויסע טערעזע לאכמאן, וועלכע האט נישט וועניג צרות אנגעטאכט דער אייראפעאישער אריסטאקראטיע מיט איהר שענקייט און אויך אונגעוועהנליכער קלוגהייט.

טע־עזע, וואס איז מיט איהרען א קרוב געקומען קיין פא־יז, האט מיט איהר שענקייט בעצויבערט די אריסטאקראטיע פון פאריז און ארום איהר סאלאן האָ־בען זיך געדרעהט די העכסטע א־יסטאקראטען פון יענער צייט. „די שענע יודין" — ווי זי האט געהייסען אין



א געפעהרליך שפיעל: די שלאנגענבענדינערין „שענע מירקא", וועלכע איז פון א שלאנג געביסען און געטערטעט געווארען.

פא־יז — האט ענדליך חתונה געהאט מיט׳ן מא־קיז פאיווא, וועלכער האט פאר איהר געאפפערט זיין גאנצען פערמעגען.

מארקיזע פאיווא האט מיט איהר שענקייט פער־דונקעלט אלע דאמען פון קייזערליכען הויף און די קאי־זערין אויגעניע, נאפאלעאן דעם דריטען׳ס פרוי, האט א מאל פון קנאה געזאגט: „דיעזע יודין נעהמט ביי מיר צו מיין כבוד".

צווישען איהרע מקורבים איז אויך געווען דער דאמאלסט בעריהמטער דאקטאר קאָ־עוו, וועלכער האט געהאט צו זאָגען איבער איהרע צדקה־פערטיילונג. ווי פערוואונדערט זענען געווען די פאריזער יודען, ווען זיי האבען פלוצלינג דערזעהען די מא־קיזע אין ימים־נוראים אין דער יודישער שוהל. זי האט אפילו אנגענומען דעם קאטאליציזם, אבער נעהן פלעגט זי דוקא אין דער יודישער שוהל.

פאר יודישע ימים־טובים פלעגט דער דאקטאר קא־עוו בעקומען פון דער מא־קיזע ג־ויסע סומען געלד. ער זאל זעהן בעזארגען די רוסישע ארימע יודען וואס גע־פינען זיך אין פא־יז, מיט אלץ, וואס ס׳איז נויטיג אויף יום־טוב.

שפעטער האט זי א צווייטען מאל חתונה געהאט מיט׳ן פירשט פאן דאנערסמא־ק, וועלכער האט פא־ א־הר אויסגעבויט אין שלעזיען דעם שלאס נוידעק, נאך



אויגוסט בעבעל'ס יובילעאום: בעבעל און זיין פרוי.

דעם מוטער פון איהר שלאס אין פאריז. די רייטשע אריסטאקראטקעס האבען פון אנהייב באיקאטירט די רוסישע יודין, זיי האבען אבער אויך געמוזט באלד זעהן די בעקאנטשאפט פון דער שענער און גייסטרייכער פרוי, וואס איז געשטאנען מיט צעהן קעפ העכער פאר זיי.

פונדעסטוועגען האט די שענע פירשטין נישט פערגעסען איהר פאלק און בשעת אין רוסלאנד זענען אויסגעבראכען די ערשטע פאגראמען האט זי באפעהלען דעם דאקטאר קא־עוו, ער זאל אוועקנעבען אלץ, וואס זי האט ביי איהם געלאזען, פאר די יודען. אויב דאס איז צו ווענינ — האט זי צוגעגעבען — זאל ער פערקויפען איהרע בריליאנטען, וועלכע זענען פאר איהר צו טייער.

"איך קען איצט פון פירשט קיין געלד נישט פערלאנגען — שרייבט זי — איהר ווייסט דאך, אז מיין מאן וויל נישט ליידען, מען זאל איהם דערמאהנען אז די פירשטין העניקיל פאן דאנערסמא־ק איז אמאל געוועזען א ארימע יודישע טאכטער".

לייידער אבער איז "די שענע יודין פון פאריז" כמעט די איינציגע יודישע טאכטער, וואס ווערענדיג דערהויבען, האט זי נישט פערגעסען איהר פאלק.

# א שרעקליכע שיפס־קאטאסטראפע.

אויפ'ן מיטלענדישען ים איז פארינע וואך פאר־געקומען א שיפסקאטאסטראפע, וועלכע האט שוין לאנג נישט געהאט איהרים־גלייכען.

די שיף איז געגאנגען פון מארז"ל קיין אלניער און האט געפיהרט 133 מענשען און אסך סחורות, ווערטהפולע פאסטפאקעטען און 143 זעק מיט בריעף.

געראטעוועט האט זיך בלויז איין שיפסבעאמטער, וועלכער איז נאך צוויי טאג שווימען ענדליך געקומען צו'ן א ברעג.

דער געראטעוועטער בעאמטער איז אין מיטען־דער־נאכט ארויסגעווארפען געווארען פון זיין קאיוטע אויף דער שיפס־דעק, פון וואנען ער האט פלוצים דערזעהן דאס שרעקליכע אומגליק. מיט שנעלינקייט האט ער זיך גע־ווארפען אין וואסער, כדי דורך שווימ'ען צו ראטעווען זיין לעבען. ס'האט נישט געדויערט קיין צעהן מינוט און די גאנצע שיף איז צעשמעטער'ט געווארען. ער האט גע־זעהן ווי צעהנדלינער מענשען ראנגלען זיך מיט'ן טויט און האט זיי נאר נישט געקענט העלפען.

פון די 133 געטראנקענע מענשען איז קיין איינ־ציגער נישט ארויסגעצוינען געווארען פון וואסער. דען אין פאריז און אין אלניער. איז מען פון דער קאטאסטראפע געווארען געוואהר ערשט אויפ'ן דריטען טאג און די פראנצויזישע רעטונגס־געזעלשאפט האט שוין קיין איינ־ציגען קערפער נישט געקענט געפינען.

דער געראטעוועטער בעאמטער דערצעהלט וועגען דער שרעקליכער שיפסקאטאסטראפע פאלגענדעס:

דאנערשטאג 5 א זייגער אין דערפריה, האט מיך א שרעקליכער קלאפ אויסגעוועקט פון שלאף, איך בין ארויסגעלאפען אויפ'ן דעק, וואו עס האט געהערשט א אונגעוועהנליכע פאניק, און גרויסע חוואליעס האבען זיך געגאסען איבער מענשליכע קעפ.

אין דער גרעסטער פערצווייפלונג האב איך מיך אנגעבינדען אין א ברעט און בין אזוי א־אבגעשלייידערט געווארען אין ים אריין. או איך בין צו זיך געקומען, האב איך מיך געפינען ליגענדיג אויפ'ן זאמד פון דעם פעלז, מיט אלע כחות בין איך ארויפגעקראכען העכער, וואו איך האב ארום מיך געמאכט א וואנד פון ברעטער און שטיקער האלץ פון דער צעבראכענער שיף, כדי מיך צו שיצען פאר די חוואליעס. אזוי בין איך געלעגען, לויט ווי מ'האט מיר שפעטער דערצעהלט 40 שעה.

ענדליך האב איך מיך אנגעהאלטען אין א גרויסען באלקען און האב געפרובט אזוי ארום צושווימען צום



ארעלינא פאטטי.

ברעג, אין א שרעקליכען צושטאנד בין איך צוגעשווימען צו סארעסקורערא, וואו מ'האט מיר געגעבען די ערשטע הילף.

לויט ווי די צייטונגען שרייבען, וועט מען דעם אומגליקליכען מוזען ארובנעהמען די הענד מיט די פיס.

דאס בילד וואס מיר ברענגען אין אונזער היינ־טינער נומער, שטעלט פאר דעם אונטערגאנג פון דער שיף "גענעראל באנצי" און ווי די פערצווייפעלטע פאסא־זשירען קעמפפען מיט די חוואליעס פון ים.

# א זעלטענער טויט.

אין מעהרען איז לעצטענס איינער געשטארבען מיט א זעלטענעם — אבער שרעקליכען — טויט.

א וועבער־ארבייטער "קארל סיקארא" אויס האקרי ביי ביסטריץ, איז א היים געגאנגען פון דער ארבייט און האט זיך געוואלט איינשפארען א גרעסער שטיק וועג, כדי פריהער א היים צו קומען און האט געוואלט אריבער קריכען איבער'ן טהיער־גארטען.

ווען ער איז אבער אריבער געקלעטערט איבער'ן הויכען גארטען פארקאן, אזוי האט ער זיך מיט די פיס פערהאלטען צווישען צוויי לייסטען. וואס זענען געווען אנגעבראכט ביים פארקען און איז געבליבען הענגען מיט'ן קאפ אראב.



ערעפנונג פון ענגלישען פארלאמענט: די צערעמאניעס און דער ערשטער זיצונג



פריעדריך שאפין.

אלע זיינע אנשט־ענגנען פון דער קלעם זיך א־ויס־ציריייסען זענען געוועזען אומויסט־נע און נאך עטליכע שעה אזוי הענגנען מיט׳ן קאפ אראב האט ער בעקומען א בלוט פערמישונג אין קאפ און איז געבליעבען הענגען א טויטער, לוט ס׳שטעלט פאר דאס בילד, וואס מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער.

# פריעדריך שאפין.

(צו זיין הונדערטסטען געבורטסטאג).

אם 22 פעבער איז געווארען הונדערט יאהר זייט דער בעריהמטער פוילישער מוזיקער פריעדריך שאפין איז געבוירען געווארען. ווען מ׳רעכענט אויס אלע גרעסטע מוזיקער פון אלע נאציאנען, אזוי מוז מען שאפ׳נען געבען אנ׳עהרענפלאץ צווישען זיי.

שאפין איז א זעלטענע ערשיינונג אין דער מוזיקער־וועלט. ער איז אן אינדיווידואליטעט, או איהם איז נישט מעגליך צו פערגלייכען מיט אנ׳אנדערען אפילו גרעסטען מוזיקער. שאפין איז פאר זיך א בזונדערע וועלט מיט נסים. זיין סטיל איז אזוי אבגעשלאסען, אזוי גאנץ, אז עס איז נישט מעגליך איהם נאכצומאכען. ער האט נישט קיין פארגענגער געהאט און האט אויך קיין נאכפאלגער. זיין גרויסקייט איז מיט איהם אליין ערשעפט. קיין "שילער" האט ער נישט צוריקגעלאזט. שאפין געהערט צו די אבסאלוטע פערזענליכקייטען. איהם דארף מען פערעכענען צו די אמת׳ע פאעטישע ערפינדער. אין דער גאנצער מוזיקער־וועלט געפינען מיר נישט נאך א צווייטען פאלענדעטען, אריגינעלען טיפ ווי שאפין.

אין דער מוזיקערוועלט, פערנעמט ער א פלאץ אויבען אן און ער היום איז נאך צו׳נ׳איהם קיינער נישט ארויפגעקומען. די פיינסטע שטימונג, די סיבסטילסטע בעוועגונגען פון דער מענשליכער נשמה. דער קלענסטער קנייטש אויף א רוהיגען מענשליכען פנים. האט ער מיט זיין קינסטלערהאנד אויפגעחאפט. די טיעפסטע ריהרונגען פונ׳ם מענשענס הארץ איז ער געווען גבח אויפצופאנגען און עס איבער־צוגעבען אין מוזיקאלישע טענער אזוי געטריי. אז מיר שטעהען מיט אפענע אויגען און נאפען. זיין מוזיק איז פראסטע, גאנץ פשוט. נישט קאמפליצירט און לייכט פערשטענדליך, ווי א פאלקסליעדעל. זיין יעדער צייכען בעדייטעט עפעס. יעדעם קלענסטע סימבאל האט עפעס א בעדייטונג. וועלכע לאזט זיך נישט פערטרעטען. יעדע מעלאדיע זיינע, האט זיינע טיעפע, טרויריגער אדער פרעהליכע, מוטערליך־ליעבענדע אוינען. דעריבער קען מען ביי איהם אין טאן נישט איבערהיפען, איין טאן נישט אויסלאזען א פשיטא שוין עפעס אויסבעסערען. ווען מיר לאזען אויס איין טאן בלות, אזוי פיהלען מיר אין זיין מוזיק אבגעשניטען א שטיק אבר מן החי, א שטיק לעבען האט מען אבגעריסען.

צוויי מאטיווע האט שאפין: די עראינערונג, די זעהנזוכט אין פערשיעדענע געשטאלטען און שאטירונגען און די ליעבע.

זיינע עראינערונגען זענען אזוי לעבעדיג, אזוי שטראהלענד. אז אונז ווייזט זיך אוס. מיר זעהען פאר זיך אלע איינצעלהייטען פון די פערשוואונדענע מינוטען, דאס גאנצע ליכטיגקייט און גליק האט זיך ערגיץ טיעף, טיעף אין הארצען פונ׳ם לאנגען שווערען שלאף אויסגעחאפט און שטעהט פאר אונז אין דער גאנצער ווירקליכקייט, אידעעל שען אבער אויך אידעעל ווייט. און פון דאנען אויך רופט עס ביי אונז ארויס די זעהנזוכט מיט אלע איהרע פריידען און טייער, די שועקליכע טייערע, אונזאנגבארע זעהנזוכט, וואס איז אהן א גרונד — און אהן א האפנונג.

אין זיינע ליעבעס־קאמפאזיציעס איז שאפין נאר א מייסטער. עס איז נישטא קיין זיסערע טענע ביי קיין פערליבטען, ווי די וואס געהען ארויס פון שאפינ׳ס מוזיק. יעדע קלענסטע נאטע ציטערט פאר ליעבע און יעדע מעלאדיע גיסט זיך אין אונזערע הערצער. זיינע מעלאדיען זענען אנגעטרונקען מיט ליעבע און פערלאנגען, וועלכע זענען אזוי פיין ווי נור שאפינ׳ס דעליקאטע האנד האט זיי געקענט אויסוועבען. די גאנצע וועלט פון ליעבעסגליק און ליעבעסצווייפעל איז אין זיי אויסגעגאסען. יעדע איינצעלנע מעלאדיע זיינע, דערמאנט אונז פון אלטען גליק. יעדער טאן רופט אין אונז ארויס זיסע, הייסע עראינערונגען פון אונזערע גליקליכע צייטען און יעדע נאטע בערייכערט אונז מיט א גאנצען אוצר פון עראינערונגען אויס אונזערע גוטע יאהרען...

שאפין איז א קינסטלער, וואס געהערט דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט. וועלכע פייערט אצט זיין הונדערטסטען געבורטסטאג.



פאטאגראפיע פון דער ווייט: דאס ערשטע אויף דיעזען אופן איבערגענומענע בילד.

# פאטאגראפיע פון דער ווייט.

מיר האבען שוין דערמאהנט די וואונדערבארע נייע ערפינדונג וואס איז בעקאנט אין דער וויסענשאפט אונטער׳ן נאמען "טעלעוויזשען" (זעהן פון דער ווייטען). די וויכטיגקייט פון דיזע ערפינדונג און די נוצען וואס מען ערווארטעט פון איהר אין דער צוקונפט זענען אזוי גרויס אז מיר האלטען עס פאר אינטערעסאנט צו געבען פאר די לעזער די איינצעלהייטען דערפון.

די ערפינדונג איז געווארען מעגליך דורך דעם וואס דער עלעמענט סעלעניום האט אין זיך די זעלבע איינענשאפט אויפצופאנגען, איבערצינעהמען, דעם לייכטען אבדרוק פון ליכט און שאטען אזוי ווי דער "אונטערשלאג" פון די מענשליכע אויג. דערצו האט סעלעניום נאך די מעלה וואס עס טראנט איבער עלעקטריציטעט מיט די זעלבע שנעלקייט ווי עס פאסט אויף די ליכט שטראהלען.

דאס נים א גרויסע אויסזיכט אז אין גיכען וועט מען קענען שטעהן ביי א טעלעפאן דראט אין פאריז און בעמערקען יעדע בעוועגונג וואס דער מאן וועלכער שטעהט אין וויען מאכט ווען ער רעדט. דאס בילד וועט זיך ציינען אויף א לייכטער אין די זעלבע פארמע ווי מיר זעהן היינט בעוועגליכע בילדער פון די ווייטסטע שטעדט קען וועלען זיך צוויי פריינד קענען אנקוקען פנים אל פנים פונקט ווי זיי קענען איצט הערען איינער דעם צווייטענס קול מיט דער הילפע פון עלעקטרישען דראט.

דאס איז קיין בעהויפטונג, קיין השערה, זאנדערן א פאזיטיווער פאקט. מאדאם מעטערלינק, די פרוי פון בעריהמטען בעלגישען פאעט, איז געזעסען פאר א מין אפאראט אין פאריז און איהר בילד האט זיך פאטאגראפירט אין בריסעל, די הויפט שטאדט פון בעלגיען. צווישען די צוויי שטעדט ליעגט א שטח פון 160 ענגלישע מייל.

דער טעלעוויזשען איז ענטדעקט געווארען פון דעם רייטשען געלעהרטען רוהמער און פון די פראנצויזען ריגנא און פאניר. די פראנצעזישע סיסטעמע איז עטוואס אנדערש ווי די רייטשע אבער דער פרינציפ איז דער זעלבער.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער דאס ערשטע פאטאגראפישע בילד, וואס איז אויפגענומען געווארען אין דעם ערוועהנטען אופן.



ארומפאהרענדע שפארקאסען.



ייע אוניפארמען אין דער עסטערריויכישער ארמעע.

# א יודיש מיידעל בעפרייט פונ'ם הארעם.

צו כאפען יודישע מידליך אין גאליציען און זיי צו פערשפארען אין א קלויסטער, איז פון די קליינע זעלטענהייטען. אין אסטגאליציען איבערהויפט און װער שמועסט אין אסטגאליצישע דערפער הערען מיר דערפון יעדעסמאל און מיר הערען זיך שוין אויף דערמיט צו פעראינטערעסירען.

געװען איז אמאל אין די ערשטע יאהרען, װען אזא מידיל איז געהאפט געװארען אין א קלויסטער אריין, האט מען ביי יודען איינגעלענט די װעלט, מ'איז געפאהרען װי די װעלט האט ערגיין אנ'עק. מ'איז אויסגעװען ביים רבי'ן, להבדיל ביים טאטער. מ'האט אנגעװענדט װאס ס'איז נור מענליך געװען, מ'איז געפאהרען אויף אודיענצען צום קאיזער, צו מיניסטערס און ס'האט זיך געטהון אויף טיש און אויף בענק. שפעטער איז מען דערמיט געװאוינט געװארען און װען ס'האט זיך אזא מעשה געטראפען, האט געליטען דערונטער די משפחה, שפעציעל דעם מיידעלס עלטערן. און דער כלל ישראל קען העכסטענס א שאקעל טהון מיטליידספאל מיט'ן קאפ און געטוג...

דאס איז, װי געזאגט אין גאליציע, װי אזעלכע זאכען, זענען מעשים בכל יום און מיר זענען דערמיט שוין צוגעװעהנט געװארען. פאר עטליכע װאכען האט זיך אניעהנליכער פאל געטראפען אין באנראד (בבל) װי א יודיש מיידיל מיט'ן נאמען צפורה, די בילדשענע בת יחידה פון א דא־טינגען גרויסען טעפ־ך־סוחר ירמיה אפרתי, איז פערפיהרט געװא־ען אין א הארעם אריין.

די מעשה איז אזוי געװען: צו ירמיה אפרתי אין געשעפט, פלעגט אלץ אריינקומען א הויכגעשטעלטער טירק שער בעאמטער, װעלכער האט פארין הויף איינגעקויפט פערשיערענע טעפיכע או. ט־יע־ע האנדא־בייטען. געװעהנליך א פריין, האט ער גיך געװאונען דאס פערטרויען פון ירמיה אפרתי און האט זיך איינגעשמייכעלט אזוי װייט, אז ער איז דא־ט געװארען א גאנצער בן־בית. דער בעאמטער פלעגט יעדעסמאל קומען אהיים און האט גאנ־ן אינטים דארט פערקערט.

ער האט זיך אויך בעקענט מיט אפרתים בילדשענע טאכטער צו װעלכער ער האט שטא־ק חשק בעקומען און האט מיט אלע מיטלען געטראכט װי ארום זי צו בעקומען. ער האט אבגעװארט, װען צפו־ה איז פארנאכט ארויסגעפאהרען שפאציערען, האט ער זי דורך זיינע געדונגענע לייט אװעקגערויבט און געבראכט אין זיין הארעם.

באלד האט זיך װי מיט א בליץ פערשפרייט די שמועה פון דער ענטפיהרונג אין גאנץ באגדאד און אפרתי מיט נאך שענע יודען מיט'ן הכם־באשי בראש, זענען אריבערגעגאנגען צום גובערנאטאר, װעלכער האט אויך תיכף געגעבען אנ'אויפטראג מ'זאל אפרתים טאכטער בעפרייען.

אפרתים דיענער האבען זיך אלזא בעגעבען מיט'ן גובערנאטאר'ס אויפט־אג אין דער װאהנונג פון דעם אפיציער און האבען אויך צפורה'ן אהיים געבראכט.

אונזער בילד שטעלט פאר, װי אפרתי'ס טאכטער װערד אין א טראגשטיעל פון דעם פאטער'ס דיענער אהיים געטראגען.

# אדעלינא פאטטים יובילעאום.

50 יאהר װע־ד איצט זייט די גרויסע איטאליענישע זענגערין אדעלינא פאטטי איז דאס ערשטע מאל אויפגעט־עטען אויף דער ביהנע.

אם 19 פעברער 1843 איז זי אין מאדריד אלס טאכטער פון דעם דעמולט בערי־המטען איטאליענישען זענגער סאלװאטאר פאטטי געבוירען און שוין פריה האט מען אין איהר דערקענט, אז זי װעט האבען א זעלטענע שטימע. דער שװאנער איה־ער, דער בעריהמטער יודישער דעקלעמאטאר. סט־אקאש, האט זי געלערנט און שוין אין יאהר 1859 איז זי אין דער איטאליענישען אפער אין נעװיארק אויפגעט־עטען און האט אין ערשטװינען געװעצט אלע קונסט — און מוזיקקענער. דערנאך איז זי ארומגעפאהרען אין לאנדאן, פאריז און אין אלע גרעסערע שטעדט פון דער גאנצער װעלט און אומעטום האט זי געהאט אזא ערפאלג, װעלכען פאר איה־ איז נאך איהר האט נאך קיינער ניט געהאט. אין יאהר 1868 האט זי חתונה געהאט מיט'ן גראף דעקא, מיט װעלכען זי האט ניט צופריעדען געלעבט 17 יאהר און האט זיך געלאזט שיידען. זי האט אויך תיכף חתונה געהאט מיט דעם טענאריסט ריקאליני װעלכען זי האט שטארק ליעב געהאט און װען זי איז אין יאהר 1898 געװארען אנ־אלמנה, האט זי, אלס זעכציגיעהריגע, חתונה געהאט מיט דעם זעהר יונגען באראן צערערשטרעם און מיט איהם האט זי זיך צוריקגעצויגען אויס'ן קינסטלער לעבען און פערברענגט איהרע יאה־ען און אנ'אמעריקאנישען שלאס.

און די לעצטע יאהרען האט זי אויף װאהלטעטיגע קאנצערטע זיך געלאזט הע־ען און דאס מערקװירדיגע ביי איה־ איז, אז די שטימע האט נאר ניט פערלוירען, די צירקא זיעבציגע יעהריגע :רוי ציהט מיט איה־ שטימע נאך היינט אן, אזוי װי אין דער יוגענד. א רייכער אמעריקאנישער מיליאנער האט ביי איהר פאר א גרויסער סומע אבגעקויפט דעם האלז כבדי נאך איה־ טויט זאל מען קענען זעהן, װאס ס'איז אזא מערקװירדיגעס אין איה־ האלז און איה־ע שטימבענדער, װאס זיי גיבען פון זיך ארויס אזאלכע הערליכע טענער.

# דער נייער שפאנישער מיניסטערפרעזידענט.

שפאניען האט אין א קורצער צייט דורכגעמאכט עטליכע מיניסטער־קריזען. אים זומער האט נאך געהערשט א קאנסערװאטיװ קאבינעט. װען ס'זענען אויסגעבראכען די אונרוהען װעגען דער מלחמה אין מעלילא, האבען די קאנסערװאטיװען געמוזט צוריקטרעטען און אויף זייער ארט זענען געקומען די ליבעראלען. איצט קענען זיך די ליבעראלען אויך ניט האלטען און דער דעמאקראט דאן יאזע קאנאלעיאס האט איבערגענומען די רעגירונג.

דער נייער מיניסטערפרעזידענט גילט אלס זעהר טיכטיגער, ענערגישער מאן — אבער עס איז א ספק, אויב ער װעט ביי אלע זיינע פעהיגקייטען עפ'ס קענען אויפטהון אין דעם אלטען, פוילען שפאניען.



שליעסונג פון בוקאװינער לאנדטאג. א בילד פון דער לעצטער זיצונג.



די שטארקסטע מאשין אויף דער וועלט.

# אויגוסט בעבעל.

(צום 70 געבורטסטאג.)

אם 22 פעברואר ווערד דער פיהרער פון די דייטשע סאציאליסטען אויגוסט בעבעל 70 יאהר אלט. געבוירען געווארען איז ער אין דעם געבען קעלן, אלס זוהן פון א דייטשען אונטעראפיציער. ווען ער האט געענדיגט די ערשטע קלאסען, האט בעבעל געוואלט שטודירען דאס בערגפאך, אבער ער האט קיין מיטעל דערצו ניט געהאט און ער איז איינגעטרעטען אין דער לעהר צו א טאקער. עטליכע יאהר האט זיך בעבעל געוואלגערט און זיך אנגעליטען ביי דעם טאקער ביז ער איז געווארען עלבסטשטענדיגער געזעלען און האט זיך גענקענט לאזען אין דער וועלט אריין פעדינען. לאנג האט ער זיך א־ומגעוואלגערט נע ונד אין דייטשלאנד, ווי ער דערצעהלט אליין אין זיין לעבענס בעשרייבונג, וועלכע איז איצט א־ויס פונ׳ם דרוק. און האט קיין ארבייט ניט געקענט קריגען, ביז ס׳האט איהם געגליקט אין לייפציג אויסצונעמען צו ווערען פון א טאקער און צו א־בייטען אינאיינעם מיט נאך עטליכע געזעלען, מיר האבען, דערצעהלט בעבעל, אויף דער ארבייט זיך ניט געהאט וואס צו בעקלאגען, מיר זענען נור ניט צופריעדען געווען מיט דער קאסט און איך האב אלע אנגערעדט, זיי זאלען פערלאנגען בעסערע קאסט. או נישט וועלען זיי ניט ארבייטען, אזוי איז עס אויך געשעהן און דעמולט האט בעבעל שוין ארגאניזירט דעם ערשטען שטרייק. נאך איידער דאס ווארט איז בעקאנט געווען און נאך איידער עמיצען האט זיך דערפון געחלומ׳ט.

ווען די סאציאליסטישע שטרעמונג האט זיך פערשפרייט אין דייטשלאנד, איז בעבעל געווען דער ערשטער, וואס האט מיט מסירת נפש דערפאר געארבייט. ער האט אן דער שפיצע פון די קעמפפענדע ארבייטער זיך געשטעלט און געקעמפפט פאר די רעכטע פון די מאסען און ווען דאס אלגעמיינע וואהלרעכט איז אין דייטשלאנד איינגעפיהרט געווא־ען, איז בעבעל אריינגעוועהלט געווא־רען אין רייכסראט, ווי ער פערבלייבט ביז׳ן היינטיגען טאג. בעבעל האט ארויסגעגעבען וויכטיגע סאציאליסטישע ביכער און בראשורען, וועלכע האבען פאר דער פארטיי א גרויסען ווערט. ער איז אויך שעף־רעדאקטאר פון א סאציא־ליסטישען טאגעבלאט „פארוועטס“ אין בערלין און ווערד צוגעצעהלט צו די גרעסטע רעדנער אין דייטשלאנד. זיין איינפלוס אין דער סאציאליסטישער פארטיי איז זעהר א גרויסער.

# די שליסונג פונ׳ם בוקא־ווינער לאנדטאג.

אין דער לעצטער סעסיע, האט דער בוקאווינער לאנטאג געהאט א סך זאכען צו ערלעדיגען. די זיצונגען זענען געווען שטירמישע און האבען ארויסגערופען היציגע דעבאטען, וויכטיגע פאליטישע רעדען וועלכע זענען געהאלטען געווארען, האבען פין איין זייט ארויסגערופען א שטירמישע בעגייסטערונג און פון דער אנדערער זייט א שרעקליכע ערבישערונג.

איבערגעדינג דורכפיהרען וואסערע ס׳איז. אפילו קלענסטע רעפארם, קומט עס אן זעהר שווער. אין יעדער קערפערשאפט זיצען קאנסערוואטיווע עלעמענטען, וועלכע ציטערן אימת מות, פאר יעדען פרייעם אדער מאדערנעם געדאנק און סטארען זיך מיט אלע כחות ניט צוצולאזען דערצו. ווער שמועסט נאך, אז מ׳דארף בעשליסען ענינים, וואס זענען נוגע די רעפארם פון דער וואהלארדנונג אין לאנדטאג אדער אין דער גמינע. דעמולט ציטערן די אלע קאנסערוואטיווע עלעמענטען אימת מות. דעמולט האבען זיי פשוט מורא פאר זייערע בענקליך און פארכטען זיך, זיי זאלען חלילה אויף די עלטערע יאהרען ניט ווערען אויס קאפעלוש מאכער.

דעריבער איז לייכט צו בעגרייפען ווי שטירמיש ס׳זענען געווען די זיצונגען פונ׳ם בוקאווינער לאנדטאג, אין וועלכען ס׳זענען פארגעקומען אזאלכע וויכטיגע ענינים ווי די וואהלרעפארם צום לאנדטאג און צום טשערנאוויצער געמיינדעראט. סוף כל סוף האט מען די רעפארמען מיט א גרויסער שטימענמעהרהייט דאך אנגענומען און זיי דארפען נור נאך סאנקציאנירט ווערען פונ׳ם קאיזער, דערוויל ביז דער קאיזער וועט זיי אנ־נעהמען איז דער לאנדטאג געשלאסען געווארען.

אונזער בילד ווייזט די לעצטע זיצונג פונ׳ם בוקאווינער לאנדטאג, לויט׳ן אלטען רעושים, מיט׳ן לאנ־דעסהויפטמאן אנגעא־רנעטען דר. פאן וואסילקא און מיט׳ן לאנדעספרעזידענט ריטער פאן בלייעבען בתוכם.

# די שטארקסטע מאשין אין דער וועלט.

די דואיסבורגער מאש׳ינענפאבריק, האט איצט געמאכט א נייע מאשין צום ביעגען פון פאנצערפלאטען, וועלכע האט אזא קראפט. אז זי קען בויגען א משא פון 10 טויזענד טאנגען, אדער 10 מיליאן קילאגראם. ס׳איז זיך שווער פאר־צושטעלען אזא שווערע זאך און מיר מוזען זיך פאר די אויגען האלטען א פיראמידע פון ניט וועניגער ווי 250 גרויסע לאקאמאטיווען איינס אויפ׳ן אנ־דערען, אט אזא פיראמידע וועגט 10 מיליאן קילאגראם און אט אזא לאסט פון 250 באהנלאקאמאטיווען איז די מאשינע בכח איינצובייגען. ווען מיר קוקען זיך צו צי דער גרעס פון דער מאשינע, זעהען מיר ווי ווינציג, קליין אט דאס איז און עס ווילט זיך אונז ניט גלויבען, אויב אזא מאשינדעל איז בכח אזא שווערע זאך איינצובייגען און איז עס אזוי, די מאדערנע טעכניק בעווייזט אמת׳ע וואונדער און ווען מיר בערעכענען נאך, אז ניט אין היטען, נור אין קאלטען צושטאנד, ווען די פלאטע איז ניט ווייך קען די מאשין אזא זאך איינבעגען, אזוי מוזען מיר זיך אמת׳דיג פערוואונדערן וואס מענשליכע הענד זענען בכח היינטיגע צייטען צו שאפען.

אין אונזער היינטיגער נומער, ברענגען מיר דאס בילד פון דער שטארקסטער מאשין אויף דער וועלט.



דער נייער שפאנישער מיניסטערפרעזידענט דאן יאזע קאנאלעאס.



שרעקליכע שיפס־קאטאסטראפע: דאס אונטערגעגאנגענע שיף „גענעראל כאנזי“.

# המבשר

## שבועון עברי המופיע בקושטא.

כימים הראשונים לח׳ דצמבר שנה זו התחיל להופיע בקושטא שבועון עברי חדש בשם „המבשר״.

„המבשר״ משיף לתחיה לאומית בין יהודי המורח, וישמש לאחינו הספרדים. שקוו ושנו בספרותנו העתיקה כגשר־המעבר לספרותנו החדשה.

„המבשר״ מעורר בקרב המוני הספרדים אהבה לשפתנו ולכל קנינגו הלאומיים.

כלפי ארצית הטלה שמש המבשר בתור ראי נכון, שבו ישתקפו החיים היהודיים והכללים שבמורח בכל שנוייהם, צבעיהם וגווניהם.

בקצרה: „המבשר״ יהיה שבועון עברי מזרחי להפצת השפה העברית תרבותה וספרותה, ולמודיע מכל הנעשה בתוך העדות היהודיות בתורקיה ובארץ ישראל.

ובהיותו במרכז החיים המדיניים שבמזרח יקדיש „המבשר״ בכל גליון וגליון מקום נרחב להשקפה על המקרים הכלליים שבמדינה, המענינת כל יהודי באשר הוא יהודי.

טובי הסופרים העברים בארץ ישראל ובגולה משתתפים ב„המבשר״ בקביעות באופן ש„המבשר״ יצטיין גם בצורתו הספרותית.

מחיר „המבשר״: לשנה 10 קרונות, לחצי שנה 5 קרונות, ולרבע שנה 3 קרונות.

כתבת המבשר:

**Journal Hamewasser Deutsche Post, Postfach 216, Konstantinopel.**

### סוכנים יבוקשו בכל הארצות.

הרוצים בגליונות־לדוגמא יואילו נא לפנות לפקידות „המבשר״ בקושטא עפ״י הכתבת הנזכרה ויצרפו נא למכתביהם תוי־פיסתה 25 העלע״.

אפשר לחתום על „המבשר״:

אצל מרכז המורים בגליציה:

Zentrale des hebr. Lehreiverbandes Oesterrelchs, Rohatyn.

אצל ח. איצקוביץ: Rzeznicka 9, Lemberg

# ספרי המנוח דר. שלמה רוביז.

יצאו לאור בדפוס מהודר:

## תהלת הכסילים

או צואת בעור בן חמור

(הלצה)

הוצאה חדשה ומתוקנת ע״י המחבר. (ההוצאה הראשונה אינה במציאות)

המחיר 2 כתרים.

## שני לוחות הפילוסופיא

יכילו אמונות השניות (Dualismus) ודעות האחדות (Monismus)

בשלשת יסודות הפילוסופיא שהם: האלהים התבל והאדם. (עם תמונות המחבר)

המחיר כתר אחד.

## ספור יצירת העולם

בהסכמת עם הדעה בהשתלשלות הבריאה (Evolutionismus) ועם הדעה באחדות מוחלטת ביקום התבל (Monismus)

מחירו כתר אחד.

## ע״ הדעת

הוצאת שניה (ההוצאה הראשונה אינה במציאות) שמות ותכן כל החכמות והמדעים למיניהם בתבנית עץ עם שרשיו וענפיו.

המחיר 40 העללער (עם המשלוח).

ארבעת הספרים נמכרים אצל המו״ל:

**Josef Fischer, Buchdruckerei, Krakau, Grodgasse 62.**

# לעזט די טעגליכע צייטונג

# דער טאג

## „דער טאג״ קאסט:

**אין קראקא און לעמבערג:**

| | |
|---|---|
| מאנאטליך | 1.20 קראנען. |
| פיערטעליעהרליך | 3.50 „ |
| האלביעהרליך | 7.— „ |
| איינצעלנע נומער 6 העלער. | |

**אין גאנץ עסטעררייך:**

| | |
|---|---|
| מאנאטליך | 1.50 קראנען. |
| פיערטעליעהרליך | 4.— „ |
| האלביעהרליך | 8.— „ |
| איינצעלנע נומער 8 העלער. | |

**אין רוסלאנד:** מאנאטליך 50 ק. פיערטעליעהרליך 1.50 רובל. האלביעהרליך 3 רובל. איינצעלנע נומער 2 קאפ.

**אין אויסלאנד:** מיט טעגליכער צוזענדונג פער קווארטאל 7 פראנק. גאנציעהריג 25 פראנק. איינצעלנע נומער 12 סענטים.

# פרעמיע פאר די אבאנענטען.

די דירעקטע אבאנענטען פונ׳ם „טאג״ בעקומען אלס בחנם׳דיגע פרעמיע „בית ישראל״ (א פאמיליענבלאט פאר יעדען יודישען הויז).
די אילוסטרירטע ליטערעריש־בעלעטריסטישע מאנאטשריפט

דאס ערשטע העפט ערשיינט שוין אים קומענדען חודש יענער.

די אבאנענטען פון דער „יודישער אילוסטרירטער צייטונג״ בעקומען דעם „טאג״ מיט 10% ביליגער. עבענזא ווערען די אבאנענטען פון דעם „טאג״ בעקומען די „יודישע אילוסטרירטע צייטונג״ מיט 10% ביליגער.

---

אדרעסע: **Redakcya „DER TAG“ (Dzień) Kraków, Grodzka 62.**

**Skrzynka pocztowa 124.**

פאר רוסלאנד: י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא 49. פיליע אין לאדז: פשעיאזד 16.

# עפּילעפּסיע.

ווער עס אן פאלזכט, קרעמפפען א. אנדערע נערוועזען צושטענדען ליידעט, פע־לאנגע ברא־שירע דאריבער. ערהעלטליך גראטים אונר פראנקא דורך די

**Privil. Schwanen-Apotheke**
**Frankfurt a. M.**

---

פאן איינען עסטעררייכישען באנקהויזע ויע־דען טיכטיגע פלאצפע־רעטער צור ענטגעגענאהמע פון בעשטעללונגען אויף לאזע נעגען ראטענצאהלונגען געגען האהע פראוויזיאן געזוכט.

אפערטע זינד צו ריכטען:
Anker Posada-Olechowska Postrestante

---



זאראוואסער־מאשינען קופפער צילינדער אלע־א־ט .ערצ־פס־ארטיקעל פיר וואד־וואסע־פאבריקען ליפערט ביללינ
Brückenstein Lemberg, Panieńska 15.

---

**Die besten Erfolge**

erzielen P. T. Fabrikanten und Kaufleute durch Inserierung im

**„Eisenbahn-Courier"**

Anfragen erledigt:

**Das Reklame-Bureau „PRINCIPIA"**

Krakau, Markagasse 21.

---

די פערטרעטונג פיר טארנאוו פון דער „ניו־יארקער אונטערנאציאנאלער ביבליאטהעק"
האט איבער־נומען די פירמא:

**SALAMON NEUMAN, TARNOW**
**Buchhandlung.**

אילוסטרירטע קאטאלאגען גראטיס און פראנקא.

---

# געהער עהל

פונ'ם בערירמטען אבערשטאבמא־צט און פיזיקוס דר. ג. שמידט בעזייטינט שנעל און גרינדליך טויבהייט אויער־פלוס אויער־ושימען און שווער־הע־ינקייט אפילו' ביי פעראלטעטע פעלע
צו בעציהען א 4 קראנען די פלאש מיט געברויכס־אנווייזונג דורך די
Apothke H. RUBEL
vorm. S. Rucker, Lemberg

---

·Cacao·
**Hoff**

Marka ochronna

Przewyższa wszystkie dotychczasowe marki
Jana Hoffa fabryka czekolady i kakao. WIEDEŃ-STADLAU.

---

## Kluge Eheleute

bestellen sofort gegen Einsendung von nur 60 Heller in Briefmarken das Buch Ehe u. Liebe ohne Kinder, durch Frau

**Hiller, Leipzig-Li., 22.**

---

Für Wien-Reisende!

## Hotel Nordwestbahn

**Wien II, Taborstr. 47**

(beim Nordwest u. Nordbahnhof) empfiehlt schöne, reine Zimmer um K. 2·50 8 Min. vom Stadtzentrum. Alle Auskünfte im Hause.

*Zimmermann*, Besitzer.

---

# 50—60 K.

**wöchentlichen Nebenverdienst**

können Herren und Damen durch Übernahme einer Vertretung in patentierten Bureauartikeln und Neuheiten verdienen.

Prospekte 30 Heller in Marken.

Näheres: **Versandtgeschäft B. Weinberg Sadogóra Bukowina.**

---

## Bettnässen!

Befreiung sofort, Alter und Geschlecht angeben. Auskunft umsonst. **Institut Aeskulap Nr. 476 Regensburg** in Bayern.

---

# „VLAHOV"

najlepsza hygieniczna specyalność światowej sławy, o cudownie wzmacniającem działaniu na żołądek.

# „MARASCHINO CREME"

przewyższa wobec swej doskonałości wszystkie pod tą nazwą wyrabiane likiery,

dostarcza:

# R. VLAHOV, Zara w Dalmacyi.

Zastępca dla Galicyi i Bukowiny

## ALOJZY GROBLER

Dom komisowy w Krakowie. Telefon Nr. 518.

---

## Reparaturen

von

## Nähmaschinen

aller existierenden Systeme

## Elektrischer-Glocken —

übernimmt

zu billigen Preisen

## Erwin Fuchs

**Elektro-Mechanische-Anstalt- und technische Niederlage.**

**Krakau, Senackag. 10.**

Provinz-Aufträge werden promptest effektuirt.

---



Zeidijje

# „ZEÏDIJJE"

**Das goldene Buch der Schönheitspflege**

Verfasst von Ph. **MR. GUSTAV PROCHE**

**Inhalt:**

1. Vorwort.
2. Was ist die Schönheit?
3. Was nennt man Schöhnheitspflege?
4. Jede Dame kann schön werden.
5. Systematische Schönheitspflege.
6. Wie die Orientalin die Schönheitsmittel gebraucht.
7. Ueppiger Haarwuchs.
8. Behandlung spröder, struppiger Haare,
9. Pflege der Augenbrauen und Wimper.
10. Haarfarbe schwarz.
11. Tägliche Mund- und Zahnpflege.
12. Gutachten.

Versand diskret gegen Vorauseinsendung von 60 H. (auch in Briefmark.) portofrei durch:

Parfumerie ORIENTALE
GUSTAVE PROCHE
BRČKA · BOSNIE

ОРИЈЕНТАЛСКА ПАРФИМЕРИЈА
Густав Проxе, Брчко-Босна

